שנה ג'
נומער קל"א
**פרשת שלח**
תשפ"ב

# קרית ברסלב בלעטל



## דער ראש ישיבה שליט"א אין א שמועס מיט די קינדער אין שטעטל

*מאנטאג בהעלותך*



**ישיבת סאטמאר מאנסי אפגעשטאט א באזוך אין קרן הדפסה**

נייעס: **וויאזוי קום איך אן דאס יאר צום רבי'ן אויף ראש השנה?**

א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א: **איך האב ליב דעם אייבערשטן**

א שיחה פון דער ראש ישיבה שליט"א: **א גאנץ יאר ווארט איך אויף זומער**

# קרית ברסלב בליבערטי

רעדאקציע
**מרדכי אינדיג**
**אברהם הערש וועבערמאן**
**אברהם יצחק אייזנער**
**יחזקאל שרגא שארף**

**צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:**
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org

**צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע בריוו אדער הגהות רופט:**
845.379.1161
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב:** 212.444.9191
**חיזוק פאר די אידישע שטוב:**
212.444.9169
BRESLEVCENTER.COM

# בריוו
## צו דער רעדאקציע

## די בחורים פון ישיבה האבן שיין חתונה געהאט

א גוטן ערב שבת.

פרייטאג אינדערפרי פרשת בהעלותך בין איך געווען אין ישיבה, איך קום אריין אין בית המדרש זע איך ווי דער ראש ישיבה קוקט מיט די בחורים די בילד פון "ווער זענען זיי", און דער ראש ישיבה רופט זיך אן: "אלע בחורים וואס האבן זיך דערהאלטן אין ישיבה האבן געטראפן זייער שידוך און שיין חתונה געהאט".

איינער האט זיך אנגערופן אז ער האט זייער הנאה פונעם "סעודה מיט'ן ראש ישיבה", האט דער ראש ישיבה געזאגט: "די וואך האט שמואל אייכנשטיין נרו יאיר געמאכט זייער א שיינע זאך, ער שרייבט ביים סוף וואס ער נעמט ארויס אויף 'למעשה' פונעם שבת טיש, דאס איז זייער א שיינע זאך".

ביים סוף האט דער ראש ישיבה צוגעלייגט אז דער מנהל ר' מרדכי אינדיג הי"ו מאכט יעדע וואך א פראגראם מיט זיינע קינדער, ער פרעגט זיי די שאלות פון "עצתו אמונה", און די קינדער ענטפערן די שאלה, נאכדעם קוקט מען וואס דער ראש ישיבה האט געענטפערט אויף די שאלה.

חזקו ואמצו מיט אייער הייליגע ארבעט.

נתנאל פארקאש וויליאמסבורג

# וועטער

| | | |
|---|---|---|
| Fri 24 | 79°/59° | Partly Cloudy |
| Sat 25 | 80°/60° | PM Showers |
| Sun 26 | 79°/61° | Scattered Thunderstorms |
| Mon 27 | 77°/59° | Scattered Thunderstorms |
| Tue 28 | 78°/58° | AM Showers |
| Wed 29 | 79°/58° | Partly Cloudy |
| Thu 30 | 79°/59° | Scattered Thunderstorms |
| Fri 01 | 77°/59° | Scattered Thunderstorms |




# זמנים Liberty

**פרשת שלח כ"ו סיון תשפ"ב**

**הדלקת הנרות** ......... 08:19
**מוצאי שבת** ............ 09:49
**מנחה מעריב קרה** . 09:20

**דאנערשטאג מנחה 8:45. מעריב נאכ'ן שיעור**

# מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל מענדלאוויטש הי"ו וזוגתו נעמי תחי'**

**צו די אפשערן פון זייער זון אליעזר שלמה נרו יאיר למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זעהן אסאך נחת ביי דעם קינד און אלע קינדער.

בס"ד

# פרייליכע נייעס!

איר קענט באקומען דעם שטארק
אויפגעכאפטע וועכנטליכע

קרית ברסלב




יעדע וואך
ביי אייער
טיר

פאר בלויז
$3.99

תוכנ'דיג און
ציענדיג

וואס איר וועט נישט
טרעפן אין ערגעץ

אדרבה איבערצייגט
אייך אליין

צו סובסקרייבן רופט יעצט אריין
אדער שיקט א טעקסט צו:

718·387·2691

SUBSCRIBE@KERENHADFUSA.ORG

282 • DESIGN | 845.406.4250

צום פינטל

שמאי שטראוס

# הענט אין די הייעך!

"הענד"ס א"פ!" דינערט די שטומע פונעם גערעגטן אפיציר, יעצט שטייט דער (אומ)שולדיגער פארשוין הילפלאז אנטקעגן די שפיזיגע אויגן פונעם אויפגעברויזטן פאליציי אפיציר.

די גאנצע געשיכטע האט זיך אנגעהויבן אין א געוועונטליכער טאג, ווען דער יוגענטליכער איז אריין אין זיין אויטא, גרייט אנצוהייבן א פרישע טאג, ריכטנדיג זיין וועג צו דער ארבעט. אזוי שמועסנדיג אויפן טעלעפאן באמערקט ער פלוצלינג עס בליצט... יא, עס בליצט אין שפיגל.

"יא דאס מיינט מען מיך" - טראכט ער מיט אנגסט - "איך בין געוועזן פארטיפט אין א שמועס, איך האב נישט געכאפט אז איך בין געפארן היבש העכער פון די ערלויבטע ספיד".

"מאוו טו די סייד!" הערט זיך די שטרענגע שטימע פונעם הויכהילכער פונעם פאליצייאישער קאר. אוי ווער ווייסט וואס עס ווארט מיך אפ, איך האב דאך צו אלע צרות נאך גערעדט אויפן טעלעפאן, דעם זיץ גארטל (סיעט בעלט בלע"ז) האב איך אויך נישט אנגעטון.

דא האט דער דרייווער זיך פארלוירן און גענומען איבערגעאיילטע שריט. נישט טראכטנדיג אין וואסערע פראבלעם ער לאזט זיך יעצט אריין, האט דער פארצווייפלטער דרייווער גענומען שטארק דרוקן אויפן געז פעד"ל, "לאמיך פראבירן דאס מזל, אפשר וועל איך עס מאכן, אפשר וועט מיר דאך געלונגען זיך ארויסצודרייען פון די פולע געלט שטראפן, און די הויכע פונקטן אויף מיין לייסענס".

נאך א קורצע געיעג האט דער דרייווער איינגעזען אז ער האט גענומען א זינלאזער מיסיע, ער פארקירעווועט דעם קאר צו די זייט פונעם שאסיי, און קומט ארויס פונעם קאר, אבער יעצט וועט אים שוין די דורכגעפאלענע אנטלויף פרואוו קאסטן א טייערע פרייז, א רעזיגנירטער, מיט די הענט אין די הייעך, שטייט דער דרייווער אנגעלאנט אויפן וואנט, זיינע אויגן קוקן גראד אריין אין די שפיזיגע אויגן פונעם אפיציר, ער זעט שוין אז יעצט וועט ער טאקע דארפן צוקומען צו די גענאדע פונעם אפיציר, ווער ווייסט וואסערע פרייז דער שפיל וועט אים יעצט אפקאסטן...

"הענט אין די הייעך!" דינערט א גערעגטע שטומע... ניין, דאס מאל איז עס נישט אויף יענער פארלוירענער דרייווער, דאס מאל איז עס ביי מיר, אבער ניין, איך שטיי נישט ביי א וואנט, און... עס איז נישט דער אפיציר וואס שרייט. איך



זיץ איינגעזינקען אין מיין פאטעל און איך זיפ מיר א פיינע קאווע, עס וויל זיך מיר אנהייבן מיין טאג, אבער עס דינערט אין מיר א שטומע: "הענט אין די הייעך!"

נאך די שווערע פארלוסן וואס איך האב געזען נעכטן אין מיינע געשעפטן, און נאך די אומצאליגע דורכגעפאלענע פרואוון צו דעקן מיינע חובות, שרייט אין מיר א אינערליכע שטומע "נו? זעסט נישט אז דו ביסט א דורכפאל? הייב שוין הענט, געב דיך שוין אונטער, גיי נישט אריין אין דער ארבעט, דו וועסט נאר מאכן מער חובות, זע שוין איין אז די ביסט א לא יוצלח".

"הענט אין די הייעך!" דינערט א גערעגטע שטומע... ניין, דאס מאל איז עס נישט אויף יענער פארלוירענער דרייווער, דאס מאל איז עס ביי מיר, אבער ניין, איך שטיי נישט ביי א וואנט, און... עס איז נישט דער אפיציר וואס שרייט. איך שטיי אין מיין קאך קעגן מיינע צוויי סינקס וואס זענען ביידע איבערגעפילט מיט געשיר, לויפענדיג א פארסאפעטע צווישן מיינע צוויי שונאים... וואס קריגן זיך ווער עס גייט מיך פארשלינגען היינט, דער ריזן בארג וועש וואס שרייט און מאנט: "נו! קום שוין!" און דער איבערגעדרייטער קאך וואס בעט זיך שיינערהייט:

"קום, נעם דיך שוין אין די הענט אריין, צווישן זיי צוויי מוז איך אנפיטערן דעם קליינעם, טוישן זיין ווינדל, און גרייטן נאכטמאל פאר מיין מאן און מיינע קינדער, איך ווייס נישט ווי מ'הייבט אן. "געב שוין אויף! הייב שוין הענט! זיי שוין מסכים אז די ביסט א אומבאלימפערטע פרוי, די ביסט קיינמאל נישט געווען קיין נארמאלע מענטש, און די וועסט שוין קיינמאל נישט זיין קיין גוטע ווייב, דו וועסט שוין קיינמאל נישט זיין א גוטע מאמע".

"הענט אין די הייעך!" דינערט א גערעגטע שטומע... ניין, דאס מאל איז עס נישט אויף יענער פארלוירענער דרייווער, דאס מאל איז עס ביי מיר, אבער ניין, איך שטיי נישט ביי א וואנט, און... עס איז נישט דער אפיציר וואס שרייט. איך זיץ אין מיין אפיס און די שרעקליכע נסיונות דרייען מיר א קאפ, עס הערט נישט אויף צו מאנען: "נו?! נאך אלס ביסטו פארקנאקט? עס וועט גארנישט געשען אז די וועסט געבן נאר 'איין קוק', ביסט דאך שוין סיי ווי דורכגעפאלן נעכטן, עס האט נישט קיין זין צו פירן יעדן טאג א ווידערשטאנד, סיי ווי נעמט די טעכנעלאגיע איבער די וועלט, הער שוין אויף מיט דיינע פרומקייטן, אה! שמירת עינים... וואס ביסטו? ביסט א ישיבה קטנה בחור...? מיטן כאלאט...? הייב שוין הענט, קוק וואס יעדער קוקט, זיי נישט אזוי שמאלקעפיג, שוין ווייטער; דעיס איז ניבול פה, יענס איז ניבול פה, רעד וואס יעדער רעדט, לאך וואס יעדער לאכט, געב זיך שוין אונטער, הייב שוין הענט".

עס וועט גארנישט געשען אז דו וועסט שיין באגריסן דיין סעקרעטארשע, מאך א קידוש השם... געב איר די גוטע געפיל, אלע בעלי בתים טוען אזוי, וואס דארפסטו זיין אנדערש, בלייב נישט אין דיין באק"ס, מעגסט אויפהייבן די אויגן ווען די רעדסט מיט איר, זיי נישט אזא פאנאטישער, עס וועט גארנישט געשען, נו?! הייב שוין הענט געב שוין אויף!"

"הענט אין די הייעך!" דינערט א גערעגטע שטומע... ניין, דאס מאל איז עס נישט אויף יענער פארלוירענער דרייווער, דאס מאל איז עס ביי מיר, אבער ניין, איך שטיי נישט ביי א וואנט, און... עס איז נישט דער אפיציר וואס שרייט. איך זיץ אין ישיבה, די נסיונות ברענען אין מיר, איך גיי אראפ פון זינען, איך ווייס נישט וואס דער מגיד שיעור וויל, עס רינט מילך מיט האניג פון זיין מויל, ער איז אזוי שיין מסביר די קשיא פון תוספות, מיין קאפ איז אבער אין א אנדערע וועלט. "גיי שוין!" - דינערט אין מיר א שטומע - "געב שוין אויף! זעסט נישט אז די פארשטייסט סיי ווי נישט קיין לערנען, זעסט

נישט אז דו האלטסט אין איין דורכפאלן, דו ביסט איין שטיק דורכפאל, דו ווערסט שוין סיי ווי פלאקערן אין גהינום, ווער וועט דיך נעמען פאר א איידעם, דו ווערסט שוין נישט קיין חתן ווערן, פון דיר וועט שוין גארנישט אויסוואקסן, נו? דו געבסט נאך אלץ נישט אויף? לאז דיך נאך, הייב שוין הענט און געב אויף!"

"הענט אין די הייעך!" דינערט א גערעגטע שטומע... ניין, דאס מאל איז עס נישט אויף יענער פארלוירענער דרייווער, דאס מאל איז עס ביי מיר, אבער ניין, איך שטיי נישט ביי א וואנט, און... עס איז נישט דער אפיציר וואס שרייט. איך ליג אין בעט ארומגענומען מיט מאשינען, איך ווייס אליינס נישט פארוואס איך ליג דא אין שפיטאל צוגעטשעפעט צו די פארשידנארטיגע רערן, די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן, זיי ווייסן אליינס נישט וואס מיין מחלה איז, אלעס איז ביטער, אלעס איז פינסטער, אלעס איז שווארץ, איך הייב הענט איך געב אויף, דאס איז עס איך געב מיך אונטער!"

"הענט אין די הייעך!" דינערט א גערעגטע שטומע... ניין, דאס מאל איז עס נישט אויף יענער פארלוירענער דרייווער, דאס מאל איז עס ביי מיר, אבער ניין, איך שטיי נישט ביי א וואנט, און... עס איז

נישט דער אפיציר וואס שרייט. איך זיץ אין קאך איבער א גלאז טיי, עס איז שטיל אלע קינדער שלאפן שוין, איך שמועס מיט מיין ווייב, אוי! קוק יענק'עלע ווי אזוי ער זעט לעצטנס אויס, איך האלט נישט אויס, ער שלאפט אריין אין טאג אריין, ער גייט נישט דאווענען, די פיאות ווערט אים קורצער, וואו דרייט ער זיך ביינאכט? ווער ווייסט מיט וועלכע חברים ער פארברענגט? מיר הייבן הענט, דאס איז אונזער שיקזאל, דאס איז עס, היינטיגע צייטן איז אזוי, פון יעדע משפחה פאלט שטיקער, מיר מוזן שלום מאכן מיט די מצב, דאס איז עס, נישט דא וואס צו טון, מיר הייבן הענט!"

אזוי געפינט זיך א מענטש כסדר אין א מצב פון פארלוירנקייט, עס שרייט אין אים אינעווייניג - און מיט רעכט - הענט אין די הייעך! געב זיך אונטער, ווי קען א בשר ודם זיך ראנגלען מיט דורכפעלער איינס נאכן צווייטן, ווי קען א בשר ודם שטעלן א ווידערשטאנד צו די פייערדיגע נסיונות, ווי קען א מענטש אויסהאלטן נעגעטיווע מחשבות וואס לאזן נישט נאך, אדער ביטערע צרות און שוועריקייטן וואס באטרעפן זיין לעבן.

עס שרייט פון זיך אליינס ארויס "האלט! הענט אין די הייעך!"

לאמיר לערנען אינאיינעם א שטיקעלע "אשר בנחל", און זען די זיסע ווערטער פון אונזער גרויסע רבי דער הייליגער צדיק מוהרא"ש זכותו יגן עלינו.

**"אמת איך ווייס אז דו ביסט געדריקט..., און דו ווילסט אויפהייבן די הענט וכו', בעט איך דיר הייב אויף די הענט נאר פאר'ן בורא כל עולמים, אזוי ווי עס שטייט ביי משה רבינו ווען ער האט מלחמה געהאלטן מיט עמלק'ן... איבערדעם הייב אויף די הענט נאר פארן בורא כל עולמים, נישט אויפהייבן די הענט מיט א יאוש "וואס קען איך טון?", אדרבה ווען עס קומט אין דיר אריין א חלישות הדעת, דעם מינוט זאלסטו באשליסן אז איך גיי מקרב זיין נאך א מנין בחורים צום בורא כל עולמים, און איך גיי אין זיי אריינלייגן דאס זיסקייט פון די תורה הקדושה".**

מען זעט אין די בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א ווי ער ברענגט ענליכע ווערטער אינעם הייליגן ספר "עצתו אמונה" מיר וועלן ברענגען די ווערטער ווארט ביי ווארט וואס דער ראש ישיבה שליט"א שרייבט:

**"עס איז נישט דא קיין גרעסערע זאך ווי אויפברענגען קינדער על דרך התורה והיראה. איך ווייס אז עס איז נישט גרינג; איך אליינס פאל פון די**

**כוחות פון ארבעטן מיט בחורים וכו', וכו', אבער אנשטאט אויפהייבן מיינע הענט און אויפגעבן הייב איך אויף מיינע הענט צום אייבערשטן, איך בעט אים איך זאל מצליח זיין מיט יעדן תלמיד, אזוי האב איך כח ווייטער אנצוגיין".**

די בריוו וואס מיר האבן דא געברענגט האט מוהרא"ש זי"ע געשריבן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אין די שווערע תקופה. עס איז געווען אנהייב יארן ווען דער ראש ישיבה שליט"א האט געעפענט די ישיבה, עס זענען אריבער אויפ'ן ראש ישיבה שרעקליכע ביטערע צרות, ווען פארשאלטענע רשעים האבן געפירט א פארביסענע מערכה קעגן דעם ראש ישיבה, זיי זענען דערגאנגען די יארן פונעם ראש ישיבה, מען האט פארגאסן זיין בלוט אין אלע גאסן, מען האט אים פארשעמט איבער די גאנצע וועלט, מען האט גע'מסר'ט, און געוועבט נידערטרעכטיגע בלוט בילבולים אויפ'ן ראש ישיבה, אלעס כדי אים צו צוברעכן אז ער זאל אויפגעבן און צומאכן די ישיבה, דעמאלט האט מוהרא"ש געשריבן דעם אויבענדערמאנטן בריוו צום ראש ישיבה, און ברוך השם אז דער בריוו איז פאר אונז אלע.

פארוואס זאלן מיר זיך אונטערגעבן צום יצר הרע, פארוואס זאלן מיר זיך ברעכן צו די נסיונות פונעם דור, פארוואס זאלן מיר איינגעבן פאר אונזערע דורכפעלער, עס איז טאקע זייער ביטער, עס איז אמת אז א בשר ודם קען זיך נישט 'אליין' שלאגן מיטן יצר הרע, א מענטש קען נישט 'אליין' זיך נעמען אין די הענט אריין, ער קען נישט 'אליין' שטיין אנטקעגן די ביטערע שווערע נסיונות.

אבער לאמיר הערן דעם קול פונעם צדיק וואס זאגט אונז, דו ביסט נישט אליין, אנשטאט הייבן הענט און אויפגעבן לאמיר הייבן די הענט צו איינעם וואס קען אונז יא העלפן, לאמיר הייבן הענט צו דעם וואס שטעלט אונטער די אלע פראבלעמען, כדי מיר זאלן זיך ווענדן צו אים.

און... לאמיר נישט ווארטן ביז מיר שפירן אז עס איז שוין עק וועלט, ווייל פיל מאל ווען עס איז שוין געפערליך איז פיל שווערער צו אנהויבן דערציילן פארן אייבערשטן אלעס וואס גייט אריבער, לאמיר זיך צוגעוואוינען ווען אלעס איז גוט, צו דערציילן דעם אייבערשטן אלעס וואס מיר גייען אריבער.

לאמיר כסדר מאכן קורצע תפילות צום אייבערשטן, וואו מען שטייט און וואו מען גייט, צו מען זיצט, אדער מען ליגט אין בעט: "אייבערשטער איך בין אויף צרות, זע מיין צער, איך האלט עס נישט אויס, די מצב איז מיר אזוי ענג, איך שפיר ווי איך גיי אראפ פון זינען, איך בין איינער אליין, קיינער קען מיך נישט העלפן, קיינער קען מיך נישט פארשטיין, איך בעט דיך מיין איינציגער העלפער, העלף מיך, באשעפער אז דו וועסט מיר נישט העלפן ווער וועט מיר העלפן".

ווארף תפילות, זאג סתם ווערטער, זאג דיינע אייגענע ווערטער, זאג עס אן קיין געפיל, אן קיין הארץ, וואו די שטייסט, וואו דו ביסט, אלעמאל זאג דיר שטילערהייט: "אייבערשטער העלף מיך! אייבערשטער איך וויל רעדן צו דיר!" וועסטו זען ווי זאכן וועלן זיך איבערדרייען, אלעס וועט דיר גרינגער ווערן.

"הענט אין די הייעך!" דינערט די ליבליכע שטומע פונעם צדיק! הייב שוין אויף דיינע הענט, געב דיך שוין אונטער צום אייבערשטן, הער שוין אויף צו ליידן, הייב אויף דיינע אויגן, זע שוין אז עס איז דא איינער און נאר איינער וואס קען דיך העלפן, קער דיך צו אים, ווענד זיך צו אים, מיט אפאר ווערטער צום אייבערשטן וועט דיר אלעס גרינגער ווערן.



# היכל הקודש
# נייעס

**אומאן**

## הכנות צו פארן צום רבי'ן אויף ראש השנה



דער ראש ישיבה רעדט צו די קינדער אין אומאן

מיט גרויס התרגשות גרייטן זיך אנשי שלומינו צום קומענדיגן ראש השנה הבעל"ט. טראצדעם וואס מען האלט אין אזא אומזיכערע צייט, מדינות שלאגן זיך ארום איינע מיט די צווייטע, ציט יעדנ'ס הארץ און מען קען נישט אויפהערן בענקען צו זיין ביים הייליג'ן רבי'ן אין אומאן אויפ'ן קומענדיגן ראש השנה.

אנשי שלומינו בעטן דעם אייבערשטן צו זוכה זיין צו מקיים זיין דעם רבינ'ס באפעל "קיינער טאר נישט פעלן" און באקומען די אלע תיקונים וואס דער רבי האט צוגעזאגט, פאר דער וואס קומען צו זיין ציון. און ווי גרעסער די מניעות זענען, אלץ מער איז מען זוכה צו באקומען ביים הייליג'ן רבי'ן.

אין די טעג קומט אריין באריכטן פון דער אלעמען באקאנטער טראוועל אגענטור "פלען איט רייט" וואס צייכנט זיך אויס מיט זייער גוטע סערוויס בכלל, און בפרט ווען עס קומט צו פארן קיין אומאן ראש השנה.

**פאלגענד איז די מודעה פון פלען איט רייט:**

היות מיר קענען נישט פאָראויס זאָגן אויב עס וועט זיך עפעס טוישן ביז ראש השנה, האבן מיר ארויסגעלייגט די פלענער לויט די יעצטיגע אומשטענדן. די ערשטע זאך, דארף מען וויסן אז אלע לופטפעלדער אין אוקריינא זענען דערווייל פארשפארט, אבער די גרעניץ קיין אוקריינא איז נישט פארשפארט, מען קען אריינקומען מיט א קאר, באן, אדער באס, דערפאר לייגן מיר ארויס די אפציעס וואס מיר גייען בעזרת השם צושטעלן צו קענען פארן קיין אומאן אויף היי יאר ראש השנה תשפ"ג.

**די אָפּציעס זענען דערווייל ווי פאלגענד:**

**יאַס, רומעניע**

1) דער נענסטער עירפארט צו אומאן אינדרויסן פון אוקריינא מיט א קאר איז אין **יאַס, רומעניע**, פון דארט קען מען נעמען דעם וועג מיט א קאר דורך מאָלדאָוואַ וואס נעמט בערך 7 שעה. אויב וויל מען אויסמיידן מאָלדאָוואַ און נישט דארפן אריבערגיין נאך א גרעניץ, קען מען פארן א לענגערע וועג בלויז אין די אוקראינישע טעריטאריע. דער וועג געדויערט 11 שעה מיט א קאר, און 12 שעה מיט א באס.

דער חסרון פון יאַס, רומעניע איז, אַז דער עירפארט איז זייער קליין, און איז נישט געאייגענט פאר אסאך מענטשן, ווי אויך איז שווער צוצושטעלן טראנספארטאציע פון דארט.

**קישינוב, מאלדאווא**

2) נאך א נאנטע עירפארט צו אומאן איז אין קישינוב, מאָלדאָוואַ. דער וועג נעמט אַרום 8 שעה מיט א קאר, אָדער 12 שעה מיט א באס - חוץ פון די צייט ביים גרעניץ. דער וועג נעמט אזוי לאנג, טראץ וואס עס גאנץ נאנט צו אומאן, צוליב וואס מען דארף ארומפארן די גאנצע "טראנסניסטריע" טעריטאריע פון מאלדאווע.

די חסרון פון מאלדאווע איז אַז דאס איז אן אומסטאבילע און פרימיטיווע לאנד, די שאסייען זענען נישט געבויעט פאר די געברויכן פון אזויפיל מענטשן, די אינפארסטראקטור איז אַלט און צופאלן, די ראודס זענען צוהאקט, ווי אויך האבן אסאך געהאט פראבלעמען ביי זייער גרעניץ אין די לעצטע חדשים. מיט דעם אלעם האפן מיר מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צו צושטעלן טראנפארטאציע אויך פון דארט.

**פוילן**

3) נאך אַן אפציע (רעקעמאנדירט דורך אונז) זענען די לופטפעלדער אין פוילן. עס איז די מערסטע צוגעפּאַסט צו קענען אקאמאדירן אסאך מענטשן בעזרת השם, אויך איז דא דארט א באקוועמע באַן סיסטעם אריין קיין אוקריינא, וואָס מיר אַרבעטן שווער צו צושטעלן דורך די באן א געשמאקע וועג קיין אומאן לתועלת הציבור. מער אינפארמאציע דערוועגן וועט אם ירצה השם נאָכפּאָלגן.

**ריישא, פוילן**

די נענסטע לופטפעלד אין פוילן צו אומאן איז ריישא, פון דארט נעמט די וועג 9 שעה מיט קאר אָדער 16 שעה מיט א באס (חוץ די צייט ביים גרעניץ) מיט א באן וועט עס געדויערן

<<<<

## היכל הקודש
# נייעס

אם ירצה השם אסאך שנעלער).

**קראקא אדער לובלין, פוילן**

אביסל ווייטער זענען די לופטפעלדער אין קראקע אָדער לובלין, פוןביידע נעמט די וועג אַרום 12 שעה מיט קאר אָדער 17 שעה מיט באס (חוץ די צייט ביים גרעניץ).

**ווארשע, פוילן**

דערנאך איז דא דער גרויסער לופטפעלד אין פוילנ'ס הויפטשטאט ווארשע, וואס איז אַרום נאך איין שעה ווייטער.

**לופטפעלדער אין אנדערע אַרומיגע לענדער:**

**בודאַפעסט, אונגארן: מיט דירעקט פלייטס פון ניו יארק!** די וועג קיין אומאַן פון דארט נעמט 14 שעה מיט א קאר אָדער 20 שעה מיט א באס (חוץ די צייט ביים גרעניץ).

**וויען, עסטרייך**

קיין וויען איז אויך דא דירעקט פליגערס פון ניו יארק. די וועג פון דארט נעמט 16 שעה מיט קאר, אָדער 25 שעה מיט אַ באס (חוץ די צייט ביים גרעניץ).

**קאשוי, סלאוואקיע**

סלאָוואַקיע האט אַ קליינע עירפארט אין שטאט קאַשוי וואס געדויערט 13 שעה מיט א קאר און 17 שעה מיט א באס. (חוץ די צייט ביים גרעניץ).

קלארשטעלונג פון "פלען איט רייט": מיר זענען דא בלויז צו צושטעלן טראנספארטאציע און אינפארמאציע. אָבער דער באַשלוס אַריינצוגיין אַין א לאנד אין א מלחמה צושטאנד איז אויף אייער אחריות. כאָטש די געגנטער וואָס מיר דארפן דורכפארן זענען נישט ממש אין די מלחמה זאָנע, זענען זיי פארט אין אַ לאַנד וואס איז יעצט אין א מלחמה צושטאנד.

**פאלגענדע זענען די אפציעס פון די סערוויס וואס מיר שטעלן צו דאס יאר:**

1) מיר ווען פארקויפן איינצעלע טיקעטס צו פארשידענע לופטפעלדער אין די אַרומיגע לענדער (נישט קיין גרופ-טיקעטס).

ביי דעם קענען מיר נישט גאראנטירן די טראנפארטאציע אנצוקומען צום עירפארט; און מען דארף געדענקען אז היינט זענען רוב טיקעטס "נישט ריפאנדעבל", (אַלע קאָוויד ריפאנד פאליסיס האבן זיך שוין געענדיגט, און דערפאר וועט די טרעוול אינשורענס נישט דעקן א נייע טיקעט אין פאל מען פארפאסט די פליגער). ווי אויך דארף מען געדענקען אז די געזעצן אריינצוגיין אין די לענדער האלטן זיך אין איין טוישן.

2) בעזרת השם וועלן מיר הייאר אויך צושטעלן אַ דירעקט טשאַרטער פלייט קיין **ריישא** מיט טראנפארטאציע פונעם עירפארט קיין אומאַן דורך א באקוועמע באַן, מיט בעטן, עסן וכדומה. דער באן איז נאך נישט באשטעטיגט אבער מיר האפן עס צו באשטעטיגן אם ירצה השם אין די קומענדיגע צוויי וואכן. אויב די סיטואציע וועט זיך טוישן, וועלן מיר מעגליך טוישן די טשאַרטער קיין קישינוב, מאָלדאָוואַ (אדער גאר קיין אוקריינע) מיט באסעס קיין אומאַן.

3) מיר וועלן בעזרת השם פארקויפן "גרופ-טיקעטס" צו איינע פון די לופטפעלדער אין די ארומיגע לענדער, מיט טראנספארטאציע פון דארט קיין אומאן פאר א מינאמאלע אָפצאָל. (די אפציע וועט זיין גרייט אם ירצה השם אין צוויי וואכן ארום).

**וויכטיג צו געדענקען פאר די וואס ווילן זיין צוריק אויף מיטוואך צום גדליה:**

מיר פרובירן צו ארבעטן אויף די בעסטע אופנים צו קענען צושטעלן די בעסטע וועגן פון און צוריק צום לופטפעלד, מיר קענען אבער נישט נעמען דעם אחריות דערויף. דאס הייסט, אז אפילו מיר שטעלן צו די טראנספארטציע, איז מעגליך אז די וועג וועט נעמען לענגער, אדער מען קען ווערן אויפגעהאלטן ביים גרעניץ, עס איז נישט מעגליך מיר זאל פארזיכערן אז איר וועט קענען כאפן אייער פליגער באצייטענס. און מיר וועלן נישט באצאלן פאר פרישע טיקעטס.

מיר קענען בלויז נעמען אחריות אויף די טשארטער, וואס דארט האבן מיר די מעגליכקייט בעזרת השם אויפצוהאלטן דעם פליגער אויב מען זעט אז די וועג אדער דער דורכגאנג ביים גרעניץ געדויערט לענגער ווי ערווארטעט.

מיר ראטן דערפאר צו נעמען לכתחילה א פליגער אויף צוריק דאנערשטאג, אויב איר נעמט נישט דעם טשארטער. (נעמט אין אכט: אז עס וועט זיין זייער שווער צו כאפן א פרישע פליגער, אויב איר פארפאסט אייער פליגער מיטוואך, צוליב די ווייניג פליגערס וואס פליען)

ביז דא איז די מעלדונג פון "פלען איט רייט" מיט די פילע דעטאלן און אפציעס וואס זיי האבן ארויסגעשטעלט בנוגע פארן אויף ראש השנה אין אומאן.

אנשי שלומינו זענען שטארק מתפלל אז מ'זאל איבערקומען אלע שוועריקייטן און אנקומען קיין אומאן און אויספועל'ן א גוט זיס לעבטיג יאר.



# "מעשיות פון תפילה"

## יואל טייטלבוים - קרית יואל:

דעם פארגאנגענעם יום טוב פסח, דער צווייטער טאג בין איך אויפגעשטאנען מיט געפערליכע ווייטאגן אין די לינקע האנט. די ערשטע טאג חול המועד צופרי' איז עס נאר שטערקער געווארן בין איך געגאנגען צום דאקטאר נישט פאר איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל שנעל פטור ווערן פון די ווייטאגן.

דער דאקטאר קוקט אהער און אהין און פארשרייבט א מעדיצין און זאגט מיר אז עס וועט נישט אוועקגיין פאר א וואך. ס'איז מיר נישט גוט געווארן הערנדיג אז א גאנצע וואך וועל איך פילן די ווייטאג, וואס טוט א ברסלב'ער חסיד? מ'בעט דעם אייבערשטן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן די ווייטאג זאל שנעל אוועקגיין.

יענע נאכט האט דער ראש ישיבה געגעבן א שיעור, נאכ'ן שיעור בין איך צוגעגאנגען בעטן א ברכה און אז דער ראש ישיבה זאל בעטן פאר מיר און דער ראש ישיבה האט מיר אנגעווינטשן.

די נעקסטע טאג וועק איך מיך אויף, צו איר גלייבט צו נישט, די ווייטאג וואס דער דאקטאר האט געזאגט אז ס'וועט אנהאלטן פאר כאטשיג א וואך איז נישט דא! נישט געווען קיין שפיר פון די ווייטאג וואס האט געריסן מיין האנט א נאכט בעפאר. שכח אייבערשטער!

## יהודה אייזנער - וויליאמסבורג:

שכח אייבערשטער אז איך קען העלפן דעם הייליג'ן רבי'ן מיט'ן דרייוון א ווען פאר די מוסדות צו טראגן און ברענגען די קינדער אין חדר און סקול.

איין צופרי גיי איך אריין אין די ווען און איך פרוביר עס צו אנצינדן אבער עס האט זיך נישט אנגעצינדן, איך פרוביר אהער און אהין, דאס און יענץ אבער גארנישט, עס צינדט זיך נישט אן.

איך האב שנעל געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס קענען אנצינדן צו קענען ארויספארן באצייטנ'ס און אנקומען מיט די קינדער אין צייט.

שכח אייבערשטער נאך א מינוט צוויי קומט אן א בחור וואס איך האב זיך בכלל נישט גערעכנט אז ער וועט קומען און ער האט באוויזן צו אנצינדן די ווען שנעל און גרינג, אזוי אז איך האב געקענט גלייך ארויספארן און ס'איז נאך געווען גענוג צייט אזוי ווי יעדן טאג צוריקצוקומען אין צייט פאר די קינדער.

## ישראל פוקס - קרית ברסלב:

איך האב געדארפט מאכן סאושע"ל סעקיוריט"י קארטלעך פאר מיינע קינדער, ווען איך האב אריינגערופן צו זייער אפיס האט מען מיר געזאגט אז ס'קען זיך שלעפן פאר אזוי לאנג ווי פינף יאר!

איך האב געוויסט אז אן תפילה קען עס נעמען צוואנציג יאר אויך, אבער מיט תפילה קען עס נעמען אפילו ווייניגער פון א חודש, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל עס קענען באקומען שנעל און גרינג.

איך האב געהערט אז אין עפעס א סאושע"ל סעקיוריט"י אפיס און א געוויסע געגנט קען מען יא מאכן שנעלער בין איך אהין געפארן, אנקומענדיג האב איך געזאגט וואס איך וויל האט מען מיך געזאגט אז איך דארף האבן פארספארטן פאר די קינדער צו קענען מאכן סאושעל"ס.

איך האב נישט קיין פארספארטן פאר זיי, וואס טוט מען? יא! גוט צוגעטראפן, מען בעט דעם טאטן אין הימל. איך האב געמאכט נישט ווייניג תפילות און זיך פרובירט איינצובעטן ביי די ארבעטערס דארט און די מעשה פון תפילה איז געשען! זיי קומען ארויס און זאגן אז זיי גייען דאס מאכן פאר מיר.

שכח אייבערשטער אז נאך צוויי וואכן האב איך דאס געהאט.

**סיי וואו איר וואוינט קענט איר איבערלאזן אייער מעשה פון תפילה.**

שיקט אריין אייער מעשה פון תפילה צו 845-379-1161

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט״א

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - ד׳ פַּרְשַׁת שְׁלַח, כ״ג סִיוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרַט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

בְּלַייבּ אִין שְׁטוּבּ; פַארְוָואס זָאלְסְטוּ זוּכְן יֶעדֶע נַאכְט אַנְדֶערֶע תֵּירוּצִים וואוּ צוּ גֵיין פַארְבְּרֶענְגֶען וְכוּ׳ וְכוּ׳, דוּ הָאסְט דָאךְ אַ טֵייעֶרֶע וַוייבּ תִּחְיֶ׳! זִי וִויל פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִיר, זִי וַוארְט אוֹיף דִיר אַ גַאנְצְן טָאג אַבִּיסְל צוּ שְׁמוּעֶסְן; **פַארְוָואס זָאלְסְטוּ לוֹיפְן צוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דַארְפְן דִיר נִישְׁט פַאר דַיין אִינְטֶערֶעסֶע,** זֵיי ווִילְן דִיר נָאר פַאר זֵייעֶר אֵייגֶענֶע אִינְטֶערֶעסְן.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו מִיט בְּלוּט פוּן מַיין הַארְץ, גְלֵייבּ מִיר אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין בְּרֶעקְל צַייט, קוֹים אוֹיף אַרָאפּ צוּ שְׁלִינְגֶען דִי שְׁפַּייעֶכְץ; מַאךְ זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן וָואס אִיךְ הָאבּ אַלְץ צוּ טוּן אִין אֵיין טָאג... **אִיךְ שְׁרַייבּ דִיר דֶעם בְּרִיוו מִיט בְּלוּט** וַוייל אִיךְ וִויל דִיר הֶעלְפְן, דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר בַּאלִיבְּט וִוי מַיינֶע אֵייגֶענֶע קִינְדֶער; יֶעדֶער תַּלְמִיד הַיְשִׁיבָה אִיז בַּיי מִיר וִוי אַן אֵייגְן קִינְד, נִישְׁט אַ בְּחִינָה נָאר בְּפּוֹעֵל מַמָּשׁ.

בְּרֶענְג נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ דַיין טֶעלֶעפָאן פוּן דִי אַרְבֶּעט, אִיךְ הָאבּ דִיר דָאס שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעבֶּעטְן; עֶס שְׁטֶערְט דַיין וַוייבּ אַז דוּ רֶעדְסְט נִישְׁט מִיט אִיר, זִי וֵויינְט צוּ מִיר אִיךְ זָאל רֶעדְן צוּ דִיר, זִי הָאט דִיר לִיבּ, זִי ווִיל הָאבְּן דֶעם לֶעבְּן פוּן נָאךְ דִי חֲתוּנָה וֶוען דַיין קָאפּ אִיז נָאךְ גֶעוֶוען קְלָאר אוּן רֵיין, וֶוען דוּ הָאסְט נָאר אִיר גֶעזֶען אוּן גֶעטְרַאכְט נָאר פוּן אִיר.

הֵייבּ הַיינְט אָן פוּנְדָאסְנַיי אוּן **הַאלְט דַיין שְׁטוּבּ רֵיין;** יֶעדֶע אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט וָואס דוּ הָאסְט אִין שְׁטוּבּ, לְמָשָׁל וֶוען דַיין וַוייבּ אִיז פַארְנוּמֶען מִיט דִי שְׁטוּבּ אַרְבֶּעט - זָאלְסְטוּ נֶעמֶען דֶעם חוּמָשְׁ׳ל אָדֶער דֶעם מִשְׁנַיוֹתְ׳ל וָואס זֵיי זֶענֶען דַיינֶע נָאנְטְסְטֶע חֲבֵרִים, זֵיי וֶועלְן דִיר קֵיינְמָאל נִישְׁט אָפְּלָאזְן.

זָאג אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים; בֶּעט פַאר דִיר, פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער. אִיךְ קֶען אוֹיךְ נוּצְן אַבִּיסְל תְּפִילָּה פוּן דִיר, בֶּעט פַאר מִיר אִיךְ זָאל הָאבְּן כֹּחַ מַמְשִׁיךְ זַיין וַוייטֶער מִיטְ׳ן מְשַׁמֵּשׁ זַיין דֶעם רֶבִּי׳ן; וִוי נִישְׁט וִוי הָאסְטוּ דָאךְ מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן מִיר אַבִּיסְל גוּטְס וְכוּ׳ וְכוּ׳.

בְּנוֹגֵעַ וְכוּ׳; **מוֹהֲרָא״ש אִיז דָארְט וואוּ מֶען רֶעדְט פוּן אִים** אוּן וואוּ מֶען טוּט וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט אוּן גֶעשְׁרִיבְּן אַלֶע זַיינֶע יָארְן וד״ל.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים**

# א שיחה

פון דער

## ראש ישיבה שליט״א



### זוּמֶער

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן זוּמֶער הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א גֶעזָאגְט:** אִיךְ פְרֵיי זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז דוּ קוּמְסְט זוּמֶער אִין קֶעמְפּ; אֱמֶת, עֶס קָאסְט טַאקֶע אַסַאךְ גֶעלְט, אָבֶּער וֶוען מֶען קוּקְט מִיט אַן אֱמֶת׳עֶ בְּלִיק וָואס מֶען בַּאקוּמְט אַלְץ בַּיים רֶבִּי׳ן בִּכְלַל אוּן זוּמֶער בִּפְרַט, וֶוען מֶען אִיז צוּזַאמֶען דִי צֶען וָואכְן - אִיז דָאס בִּכְלַל נִישְׁט קַיין טֵייעֶרֶע פְּרַייז אוֹיף וָואס מֶען וָואלְט וֶוען בֶּאֱמֶת גֶעדַארְפְט צָאלְן.

אַ מֶענְטְשׁ וָואלְט אַוֶועק גֶעגֶעבְּן זַיין גַאנְצֶע גֶעלְט מֶען זָאל אִים גֶעבְּן לֶעבְּן, מֶען זָאל אִים אוֹיסְלֶערְנֶען שָׁלוֹם בַּיִת אוּן מְחַזֵּק זַיין אָנְצוּהֵייבְּן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל וְכוּ׳ וְכוּ׳.

אַ גַאנְץ יָאר וַוארְט אִיךְ אוֹיפְ׳ן זוּמֶער צוּ זִיצְן אִין קֶעמְפּ אוּנְטֶערְן בּוֹים אָטֶעמֶען דִי רֵיינֶע לוּפְט, אִיךְ הָאףְ דוּ וֶועסְט קוּמֶען מִפַּעַם לְפַעַם זוּמֶער אִין קֶעמְפּ כְּדֵי צוּ הֶערְן דֶעם רֶבִּינְ׳ס וֶוערְטֶער אוּן אַיינְטוּנְקֶען דַיין קָאפּ אִין דִי הֵיילִיגֶע יְשִׁיבָה.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן, חֵלֶק ב׳, סִימָן ה): פַארְוָואס רוּפְט מֶען אַ יְשִׁיבָה מִיטְן נָאמֶען ׳יְשִׁיבָה׳? נָאר **״כְּשֶׁיֵּשׁ רַבִּי אֲמִתִּי עִם תַּלְמִידִים, עַל יְדֵי זֶה נִתְקַבֵּץ וְנִתְלַקֵּט חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה״**, וַוייל דֶער אֱמֶת׳עֶר צַדִּיק לֶערְנְט מִיט זַיינֶע תַּלְמִידִים אֱמוּנָה, עֶר לֵייגְט אַרַיין אִין זֵיי אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי וֶועלְט, **״וְעַל כֵּן נִקְרָא לִמּוּד הָרַב עִם הַתַּלְמִידִים יְשִׁיבָה, עַל שֵׁם קִבּוּץ חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה, כִּי הָרַב הוּא מַשְׁגִּיחַ עַל חֶלְקֵי הָאֱמוּנָה שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד, וּלְהַעֲלוֹתָם״**, אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִּים קא, ו): **״עֵינַי בְּנֶאֶמְנֵי אֶרֶץ לָשֶׁבֶת עִמָּדִי״**, **׳לָשֶׁבֶת עִמָּדִי׳** אִיז אַ לָשׁוֹן פוּן **׳יְשִׁיבָה׳**, עַיֵּין שָׁם.

**אוֹיךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה צוּגֶעלֵייגְט:** פוּן אֵיין זַייט אִיז זֵייעֶר גוּט צוּ זַיין אִינְדְרוֹיסְן מִחוּץ לָעִיר בִּקְדוּשָׁה וּבְטָהֳרָה, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט קֶען מֶען נִישְׁט אוּן מֶען טָאר נִישְׁט זַיין אָן דִי וַוייבּ. בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר זָאלְסְט זִיךְ אָנְשְׁטְרֶענְגֶען אַרוֹיס צוּ קוּמֶען וִוי מֶער צוּ דַיין וַוייבּ; הַלְוַאי וֶוען דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעקֶענְט זַיין אַ גַאנְצֶע וָואךְ מִיט אִיר. אַז דַיין פַּרְנָסָה אִיז אִין שְׁטָאט אוּן דוּ דַארְפְסְט זַיין אִין שְׁטָאט יֶעדְן טָאג, זָאלְסְטוּ פְּרוּבִּירְן וִוי מֶער אַרוֹיסְקוּמֶען צוּ אִיר וֶועסְטוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס.

# א מעשה
## פון א צדיק



### אָפְּנַארְן דֶעם מֶענְטְשׁ

אִין סֵפֶר הַמִּדּוֹת פוּן אָנְהֵייבּ (דְּפוּס יָשָׁן; וְעַיֵּין פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק, סִימָן תפ"ו) אִיז גֶעדְרוּקְט אַ מַעֲשֶׂה וָואס עֶס הָאט דֶערְצֵיילְט אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע תַּלְמִידִים פוּנֶעם הֵיילִיגֶען רֶבִּין רֶבִּי דוֹב חַיָּה'לֶעס זצ"ל, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ לַאנְגֶע צַייט דֶער רָב אִין שְׁטָאט לָאדִיזְשִׁין, אוּן עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין, בִּיז אֵיינְמָאל הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גֶעוֶוען, עֶר וַוארְפְט אַוֶועק דָאס רַבָּנוּת אוּן קוּמְט וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב צוּ זַיין שְׁטֶענְדִיג נָאנְט צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין.

עֶר הָאט גְלַייךְ אוֹיסְגֶערוּפְן אִין זַיין שְׁטָאט אַז עֶר גֶעזֶעגֶענְט זִיךְ פוּן זֵיי אוּן וֶוערְט אוֹיס רָב, אוּן עֶר צִיעֶט זִיךְ אַרִיבֶּער קַיין בְּרֶסְלֶב מִיט זַיין גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה. זַיין סֵדֶר פְלֶעגְט זַיין אַז עֶר פְלֶעגְט יֶעדְן טָאג קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין, בִּשְׁעַת דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעגַאנְגֶען שְׁפַּאצִירְן, אוּן נָאכְזָאגְן פַארְשִׁידֶענֶע מַעֲשִׂיוֹת אוּן חִדּוּשֵׁי תּוֹרָה פוּן אַלְטֶע סְפָרִים, וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מוֹרָא'דִיגֶער יַדְעָן, עֶס אִיז גֶעוֶוען זַאכְן וָואס עֶר הָאט נָאכְגֶעזָאגְט וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרוּקְט אוֹיף דֶעם: 'דָאס אִיז בֶּאֱמֶת רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ'! אוּן גֶעוִויסֶע זַאכְן הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אַוֶועק גֶעמַאכְט, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי אִים אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה צוּ וִויסְן וָואס אִיז רוּחַ הַקּוֹדֶשׁ.

אֵיינְמָאל הָאט דֶער רָב דֶערְצֵיילְט פַארְן הֵיילִיגְן רֶבִּ'ין אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער צוּ אַ בָּחוּר פוּן זַיין יְשִׁיבָה וָואס עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן אוֹיסְטֶערְלִישֶׁער לַמְדָן אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט פְלַייסִיג בַּייטָאג אוּן בַּיינַאכְט, אֵיינְמָאל בַּיינַאכְט וֶוען עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּ קוּמֶען צוּ אִים אַ מַגִּיד פוּן הִימְל אוּן עֶר הָאט גֶעלֶערְנְט מִיט אִים אַ גַאנְצֶע נַאכְט אָבֶּער דֶער מַגִּיד אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא אוּן נִישְׁט פוּן דִי קְדוּשָּׁה, מִן הַסְּתָם אִיז עֶר נִכְשָׁל גֶעוָוארְן אִין עֶפֶּעס אַ זַאךְ וָואס דוּרְךְ דֶעם הָאט דִי סִטְרָא אַחְרָא גֶעהַאט אַ כֹּחַ זִיךְ אָנְצוּכַאפְּן אִין אִים. אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט אַז דֶער מַגִּיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט דָאס נִישְׁט דֶערְצֵיילְט פַאר קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ,

אֵיינְמָאל הָאט דֶער מַגִּיד אִים אָנְגֶעפַאנְגֶען צוּצוּרֶעדְן צוּ אַן עֲבֵירָה, עֶר הָאט אִים אוֹיפְגֶעוִויזְן אַז דָאס אִיז פוּן הִימְל אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט זַיין וַוייבּ זוֹכֶה זַיין אַרָאפְּצוּבְּרֶענְגֶען דִי נְשָׁמָה פוּן מָשִׁיחַ, דֶער אִינְגֶערְמַאן הָאט אִים גֶעגְלֵייבְּט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען אִיבֶּערְצוּרֶעדְן זַיין וַוייבּ זִי זָאל אִים פָאלְגְן, עֶר הָאט אִיר פַארְצֵיילְט אַז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים אַ מַגִּיד פוּן הִימְל אוּן עֶר הָאט אִים דָאס גֶעהֵייסְן טוּהְן וַוייל דָאס אִיז מִן הַשָּׁמַיִם, אָבֶּער זַיין וַוייבּ אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן זִי הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז זִי גֵייט קוֹדֶם פְרֶעגְן אִיר טַאטֶע, אַזוֹי הָאט זִי גֶעטוּהְן, אוּן זִי הָאט דָאס דֶערְצֵיילְט פַאר אִיר טַאטֶע, אוּן אִיר טַאטֶע הָאט זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן, וַוייל עֶר הָאט גְלַייךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער מַגִּיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא.

עֶר הָאט תֵּיכֶף גֶערוּפְן זַיין אֵיידֶעם, אוּן אִים גֶעזָאגְט: "וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער מַגִּיד אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן דֶער סִימָן אִיז אַז בַּיי אַ מַגִּיד פוּן דִי קְדוּשָּׁה זֶענֶען אָנְגֶעצֵייכֶנְט אַלֶע אַלֶף-בֵּית אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן, אוּן דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא שַׁיינֶען, אוּן בַּיי אַ מַגִּיד פוּן סִטְרָא אַחְרָא זֶענֶען אוֹיךְ אָנְגֶעצֵייכֶנְט דִי אוֹתִיּוֹת פוּן דִי אַלֶף-בֵּית אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן, אָבֶּער דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא לַייכְטְן נִישְׁט, וֶוען דֶער מַגִּיד וֶועט צוּ דִיר קוּמֶען, אוּן דוּ וֶועסְט זֶעהְן אַז דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא לַייכְטְן נִישְׁט אוֹיף זַיין שְׁטֶערְן וֶועסְטוּ וִויסְן אַז עֶר אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן דִי זָאלְסְט זִיךְ זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן אִים, עֶר וֶועט דִיר זִיכֶער וֶועלְן שֶׁעדִיגְן, וֶועגְן דֶעם גֶעבּ אִיךְ דִיר אִיבֶּער שֵׁמוֹת אוּן קְמֵיעוֹת, וֶועט עֶר דִיר גָארְנִישְׁט קֶענֶען טוּהְן".

בַּיינַאכְט אִיז דֶער מַגִּיד גֶעקוּמֶען צוּ אִים, אוּן וֶוען עֶר הָאט גֶעזֶעהְן אַז עֶס לַייכְט אִים נִישְׁט דִי אוֹתִיּוֹת פוּנֶעם שֵׁם הֲוָיָ"ה בָּרוּךְ הוּא הָאט עֶר גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא, אוּן עֶר הָאט גֶעטוּהְן אַזוֹי וִוי זַיין שְׁוֶוער הָאט אִים בַּאפוֹילְן, אוּן אַזוֹי אִיז עֶר גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן אִים.

וִוי נָאר דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה אִיז עֶר זֵייעֶר פַארְפְלַאמְט גֶעוָוארְן, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר דֶעם רָב, רֶבִּי דוֹב חַיָּה'לֶעס, מִיט דֶעם לָשׁוֹן: "אָבֶּער בַּיי אוּנְז - בָּרוּךְ הַשֵּׁם - לַייכְטְן אַלֶע אוֹתִיּוֹת פוּן דִי אַלֶף-בֵּית". דֶעמָאלְט הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן זי"ע צוּ שְׁרַייבְּן זַיין סֵפֶר הָאַלֶף-בֵּית, וָואס מִיר רוּפְן הַיינְט סֵפֶר הַמִּדּוֹת.

(קונטרס "איך וויל בלייבן צווישן אייך")



# דעם רבי'ס נסיעה

## קיין ארץ ישראל

### קאפיטל 36

**פארזעצונג פון פריער:** דִי שִׁיף הָאט זִיךְ גֶעוואלְגֶערְט אוּן זִיךְ גֶעוָוארְפְּן ווִילְדֶערְהֵייט אוֹיפְ'ן יַם פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג אוּן נֶעכְט אִין אַ צוּ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אָבֶּער גֶעהָאלְפְן אַז דִי גָאר שְׁטַארְקֶע שְׁטוּרֶעם ווִינְטְן הָאבְּן גֶעטְרָאגְן דֶעם שִׁיף מִיט אַן אוּמְגְלוֹיבְּלִיכֶע שְׁנֶעלְקֵייט, דִי שִׁיף אִיז מַמָּשׁ גֶעפְלוֹיגְן ווִי אַ פַּייל, אוּן וֶוען סְ'אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ דֶעם פְּלַאץ וואוּ דֶער וָואלְקְן הָאט זִיךְ גֶעפוּנֶען, סְ'אִיז מַמָּשׁ גֶעוֶוען דָארְט ווִי בֶּערְג מִיט טוֹיעֶרְן, אָבֶּער דִי שִׁיף אִיז עֶס דוּרְכְגֶעפְלוֹיגְן בְּשָׁלוֹם.

...

דֶערְוַוייל הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעעֶפְנְט זֵייעֶרֶע אוֹיגְן אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעטְרָאפְן דֶעם לָאךְ פוּן וואוּ דִי ווַאסֶער פְלִיסְט אַרַיין אִינֶעם שִׁיף, זֵיי הָאבְּן גֶע'שָׁחְטְ'ן אַ צִיג אוּן גֶענוּצְט דִי הוֹיט צוּ פַארְרֶעכְטְן דֶעם שִׁיף, אוּן אַזוֹי זֶענֶען גֶערַאטֶעוֶועט גֶעוָוארְן פוּן דִי גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנָה וָואס הָאט גֶעהוֹיעֶרְט אוֹיף זֵייעֶרֶע קֶעפּ.

דָאס אִיז גֶעוֶוען אוּם פְרַייטָאג עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, סְ'אִיז גֶעוָוארְן דָארְט אַ גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה, אוּן דֶעמָאלְט הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט דֶעם קַאפִּיטְל "**הוֹדוּ לַה'**" (תְּהִלִּים ק"ז) - וָואס מְ'פִירְט זִיךְ צוּ זָאגְן אוּם עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ - מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע שִׂמְחָה.

פוּן דָארְט אִיז דִי שִׁיף גֶעפָארְן אוֹיף נָאךְ עֶטְלִיכֶע פְּלֶעצֶער. צוּ עֶסְן אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאבְּן זֵיי נָאר גֶעהַאט פוּן דֶעם אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטְן קֶעכֶער וָואס הָאט רַחֲמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן זֵיי גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל פַארְטְרוּקְנְטֶע בְּרוֹיט פוּנֶעם מַאגַאזִין, וָואס וֶוערִים הָאבְּן גֶעקְרָאכְן דֶערוֹיף. יֶעדְן טָאג הָאבְּן זֵיי גֶעדַארְפְט גֵיין זִיךְ בֶּעטְן בַּיי אִים ווִי אַן אָרֶעמַאן בַּיים טִיר, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן אַבִּיסְל פוּן דִי בְּרוֹיט, אוּן נָאר דָאס הָאבְּן זֵיי גֶעגֶעסְן.

דֶערְוַוייל הָאט מֶען זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט גְרוֹיס צַעַר אוּן זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן זָארְגְן וָואס זֵיי וֶועלְן טוּן אוּם פֶּסַח, וַוייל זֵיי וֶועלְן נִישְׁט קֶענֶען פַאסְטְן דֶעם גַאנְצְן יוֹם טוֹב.

נָאךְ אַ שָׁעָה צְוֵוי זֶענֶען זֵיי אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַ גְרוֹיסֶע שְׁטָאט וָואס זִיצְט אוֹיף אַ גְרוֹיסְן פֶעלְז אִינְמִיטְן יַם, אוּן דָארְט הָאבְּן דִי אַרַאבֶּער אַיינְגֶעקוֹיפְט אַסַאךְ פְרוּכְט, אוּן פַאר אַ טָאלֶער הָאט מֶען זֵיי גֶעגֶעבְּן אַ גַאנְצְן הוֹיפְן בָּאקְסֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "דֶערְוַוייל אִיז דָאס זֵייעֶר גוּט, מְ'וֶועט קֶענֶען אִיבֶּערְלֶעבְּן דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח בְּלוֹיז מִיט דִי בָּאקְסֶער, הַלְוַאי זָאל אָבֶּער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אוּנְז הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיךְ צוּ קֶענֶען מְקַיֵּים זַיין דִי מִצְוֹת פוּן עֶסְן מַצָּה אוּן דִי פִיר כּוֹסוֹת".

דִי גְרוֹיסֶע גֶעפֶערְלִיכֶע סַכָּנוֹת וָואס זֵיי הָאבְּן מִיטְגֶעלֶעבְּט בַּיים אַהֵיימְפָארְן, אִיז מַמָּשׁ אוּמְבַּאשְׁרַייבְּלִיךְ. זֵיי זֶענֶען דָאךְ גֶעוֶוען אוֹיף אַן אַרַאבִּישֶׁער קְרִיגְ'ס שִׁיף, אוּן זֵיי זֶענֶען דָארְט גֶעוֶוען דִי אֵיינְצִיגְסְטֶע צְוֵוי אִידְן, מִיט וֶועמֶען דִי אַרַאבֶּער הָאבְּן גֶעקֶענְט טוּן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט. דִי סֵדֶר פוּן דִי אַרַאבֶּער - סְפֶּעצִיעֶל זֵייעֶרֶע סָאלְדַאטְן - אִיז אַז קֶענֶען כַאפְּן אִידְן אוּן זֵיי פַארְקוֹיפְן עֶרְגֶעץ וַוייט אַוֶועק פַאר קְנֶעכְט.

דֶער רֶבִּי הָאט זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט אַז דָאס וֶועט פַּאסִירְן מִיט זֵיי, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן טְרַאכְטְן וָואס עֶר וֶועט טוּן אִין אַזַא צַייט, אוֹיבּ חַס וְשָׁלוֹם וֶועט מֶען זֵיי טְרָאגְן עֶרְגֶעץ וואוּ אוֹיפְ'ן יַם וואוּ סְ'גֶעפוּנֶען זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט קַיין אִידְן, אוּן מְ'וֶועט זֵיי דָארְט פַארְקוֹיפְן, אוּן קֵיינֶער וֶועט אֲפִילוּ נִישְׁט ווִיסְן דֶערְפוּן.



**א שטאט אויפ'ן וואסער**

דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען, ווִי אַזוֹי וֶועט עֶר דָארְט קֶענֶען זַיין אַ אִיד אוּן טוּן אַלֶע מִצְוֹת. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּטְרַאכְטְן אִין דֶעם, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען מַשִּׂיג צוּ זַיין ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט קֶענֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן דִי מֶעגְלִיכְקֵייט מְקַיֵּים צוּ זַיין מִצְוֹת. עֶר הָאט מַשִּׂיג גֶעוֶוען דִי עֲבוֹדָה פוּן דִי הֵיילִיגֶע אָבוֹת ווִי אַזוֹי זֵיי הָאבְּן מְקַיֵּים גֶעוֶוען אַלֶע מִצְוֹת נָאךְ פַאר מַתַּן תּוֹרָה, כָאטְשׁ וָואס זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעטוּן אַלֶע מִצְוֹת בְּפַשְׁטוּת. אַזוֹי ווִי סְ'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף יַעֲקֹב אָבִינוּ אַז עֶר הָאט מְקַיֵּים גֶעוֶוען דִי מִצְוָה פוּן תְּפִלִּין דוּרְךְ דִי שְׁטֶעקֶענֶעס וָואס עֶר הָאט אָפְּגֶעשֵׁיילְט בַּיי דִי בְּהֵמוֹת "**וַיַּצֵּג אֶת הַמַּקְלוֹת אֲשֶׁר פִּצֵּל בָּרְהָטִים בְּשִׁקְתוֹת הַמָּיִם**" (בְּרֵאשִׁית ל', ל"ח), ווִי סְ'וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ (חֵלֶק א', קסב:), אוּן אַזוֹי וַוייטֶער הָאט עֶר מַשִּׂיג גֶעוֶוען ווִי אַזוֹי עֶר וֶועט מְקַיֵּים זַיין אַלֶע מִצְוֹת אוֹיף דֶעם אוֹפָן, אוֹיבּ עֶר וֶועט זַיין אַן אוֹנֵס, עֶר וֶועט חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט הָאבְּן אַ וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ טוּן דִי מִצְוֹת גֶעהֶערִיג.

# הפצה ווינקל




## בריוו

**בעזרת ה' יתברך - יום ג' פרשת וישלח, י"ב כסליו, שנת תשפ"ב לפרט קטן**

לכבוד ... נרו יאיר

איך האב ערהאלטן דיין בריוו.

יא, זיכער; אז דו וועסט געבן צדקה צו דרוקן די גליונות און די נייע ספרים עצתו אמונה - וועסטו האבן א ישועה

די הבטחה וואס מוהרא"ש האט צוגעזאגט, אז ווער עס וועט נעמען א חלק אין דרוקן אשר בנחל וועט זען ישועות, **דאס גייט אויך ארויף אויף די גליונות און קונטרסים.** וואס שטייט אין די גליונות? וואס שטייט אין די נייע ספרים? עס שטייט נאר ווערטער, שכל און חיזוק פון מוהרא"ש, אזויפיל אידן זענען זיך מחזק מיט דעם, אזויפיל אידישע שטובער שטייען בזכות דעם, אזויפיל קומען צוריק צום אייבערשטן בזכות דעם, וואס איז בכלל די פראגע?

וואויל איז דעם וואס נעמט א חלק אין דרוקן די גליונות מידי שבת בשבתו; די גליונות מאכן אזא מהפכה אין די וועלט, **עס איז נאכנישט געווען אזא הפצה אין ברסלב אזוי ווי די הפצה מיט די גליונות.** אלע ליינען דאס, אלע ווארטן אויף דעם; מענטשן גייען פון שול צו שול זוכן א גליון, מען ווערט צוגעקלעבט צו דעם, בפרט צו די בריוו פון **עצתו אמונה, איש אמונות**; מענטשן זאגן אז דאס לעבט זיי אויף, דאס איז זיי אזוי מחזק.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט האבן הצלחה אין אלע ענינים.**

## א מעשה פון הפצה

**אהרן וועבערמאן פון קרית ברסלב פארציילט:**

פארגאנגענע וואך האב איך אנגעהויבן צו פארציילן אז איך בין געזיצן אין שול און מעביר סדרה געווען, אינמיטן קלינגט מיר די טעלעפאון, איך הייב אויף, יענער פרעגט מיר "איז דאס ארי וועבערמאן?" זאג איך אים "יא דאס בין איך", זאגט ער מיר "איך בין דיר שולדיג הכרת הטוב", פרעג איך אים וואס גייט פאר?

פארציילט ער מיר ווער ער איז, און ער וויל זיך באדאנקן אז איך האב אים אויסגעלערנט פאר כמעט צוואנציג יאר צוריק די זאך פון מעביר סדרה זיין פון זונטאג. ער פלעגט זיך זייער מוטשען מיט מעביר סדרה זיין, און איך בין דעמאלט אריינגעקומען אין זיין געשעפט אין בארא פארק און געכאפט מיט אים א שמועס, אינמיטן די שמועס איז אויסגעקומען צו רעדן פון די נושא פון מעביר סדרה זיין, ווי שווער דאס קומט אן יעדע וואך; האב איך אים דעמאלט מסביר געווען אז מען קען אנהייבן מעביר סדרה זיין פון זונטאג, מען לערנט יעדן טאג א שטיקל, אזוי ביז סוף וואך האסטו געענדיגט די סדרה, זייט דעמאלט איז ער מעביר סדרה יעדע וואך, נישט נאר דאס, נאר ער לערנט דאס אויס אויך פאר אנדערע מענטשן.

טייערע מפיצים! גייט אן מיט ענקערע הייליגע ארבעט, עס טוט זיכער אויף יעדע פעולה וואס מען טוט אין הפצה.

צו באקומען די וועכנטליכע עצתו אמונה אפגעשיקט צו אייער טיר

קאלל, טעקסט, וואטסעפ: 718.387.2691

email:subscribe@kerenhadfusa.org

# נייעס פון קרן הדפסה

## ישיבת סאטמאר מאנסי אפגעשטאט א באזוך אין קרן הדפסה



די טייערע בחורים פון די סאטמארע ישיבה אין מאנסי געפונען זיך די טעג אין געגענט פונעם שטעטל ווי זיי פארברענגען פאר צוויי וואכן אין א זומער קעמפ, ווי מען לערנט און מען דאווענט און מען שעפט זיך אן מיט פרישע כוחות.

פארגאנגענע וואך מאנטאג זענען זיי געקומען באזוכן צום נייעם ריזיגן בנין פון קרן הדפסה צוזאמען מיט די מגידי שיעורים און משגיחים. מען האט זיי געגעבן א שטיקל איבערזוכט אינעם "אמונה פאבריק", און צוגעוויזן ווי אזוי עס גייט צו דאס דרוקן די טויזנטער הייליגע ספרים גליונות און קונטרסים. מען האט זיי פארקויפט פילע ספרים און קונטרסים, די טייערע בחורים זענען געווען זייער פרייליך צו האבן די געלעגנהייט צו קענען קויפן די ברסלב'ע ספרים, די בחורים האבן געזאגט אז די דיבורים און די דרשות פון הייליגן רבי'ן רעדט צו זייער הארץ, און דאס וועקט זיי אויף דאס הארץ צום אייבערשטן.

אין די זעלבע צייט קומט אריין די גוטע נייעס אז מען גרייט זיך בעזרת השם צו א גרויסע שיינע מעמד "חנוכת הבית" פונעם נייעם בנין פון קרן הדפסה וואס וועט בעזרת השם פארקומען דעם זומער הבע עלינו לטובה.

פרטים יבואו בעזרת השם יתברך.

# בילדער פון קרן הדפסה



דער ראש ישיבה באזוכט אין אפיס פון בית הדפוס - ב' בהעלותך



ביים אדורך גיין די דעטאלן פון די טעגליכע ארבעט - ב' בהעלותך



ביים באטראכטן די ארבעט אין בית הדפוס - ב' בהעלותך

## אלו יעמדו על הברכה

די טייערע נדבנים וואס האבן גענומען א שיינעם חלק אין הפצת אור רבינו ז"ל די וואך

**שמעון עוזר גרינפעלד**
וויליאמסבורג

**אברהם דאנציגער**
טאהש

**מאטי היימליך**
קרית ברסלב

**ישראל הערשקאוויטש**
מאנסי

**לוי יצחק זאפיר**
בארא פארק

**בנציון יאקאבאוויטש**
קרית יואל

**משה יחיאל פעלדמאן**
קרית ברסלב

**יצחק משה רייך**
יצחק משה רייך

**אלי ציג**
וויליאמסבורג

**לייבי ראטה**
קרית ברסלב

**אייזיק קאהן**
דזערזי סיטי

**מנחם זאב שטערן**
סטעטן איילענד

צו מנדב זיין:

phone: **718.387.2691 103#**
email: **donate@kerenhadfusa.org**
whatsapp: **347.578.4449**



א סעודה

# מיט'ן ראש ישיבה

## שבת פרשת במדבר אינדערפרי חלק א'

**שלום אלי' אינדיג נרו יאיר פארצייטלט:** שכח אייבערשטער" נאך אסאך תפילה האב איך זוכה געווען צו עסן א סעודה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א שבת קודש פרשת במדבר אין שטעטל, ערב שבועות תשפ"ב.

עס איז געווען זייער א שיינע סעודה, מיט זייער שיינע שמועסן, אבער דער עיקר וואס איך האב ארויסגענומען איז געווען לעובדה ולמעשה ווי אזוי איך קען פירן א שיינע סעודה ביי מיר אינדערהיים, וויאזוי צו מאכן פריילך, לעבעדיג און לוסטיג די סעודה.

### עסן דעם סעודת שבת

שבת אינדערפרי האט דער ראש ישיבה געדאווענט שחרית אין בית המדרש "עצתו אמונה" אין שטעטל. ווען דער ראש ישיבה איז צוריקגעקומען האט דער ראש ישיבה'ס ווייב אים געפרעגט: "האסט זיך געוואשן צו די ערשטע סעודה אין שול?" - וויבאלד ס'איז געווען ערב יום טוב - האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך האב געגעסן א שטיקל מצה". דער ראש ישיבה'ס ווייב האט פארשטאנען אז דער ראש ישיבה איז שוין זאט, האט דער ראש ישיבה זיכער געמאכט אז זי זאל זיין רואיג און געזאגט: "האב נישט מורא, איך בין גרייט פאר א פולע מעני"ו... איך דארף א פולע סעודה".

דער ראש ישיבה האט געשמעקט הדסים און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אייבערשטער, אייבערשטער, העלף איך זאל האבן ערליכע קינדער!"

### מען הערט די פייגלעך זינגען צום אייבערשטן

ווען דער ראש ישיבה איז אהיימגעקומען פון שול האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר זיין ווייב אז אויפ'ן גאנצן וועג גייענדיג צום בית המדרש "עצתו אמונה", האט מען געהערט א זאך וואס מען הערט נישט אין שטאט. און דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר איינער פון זיינע קלענערע קינדער זאל נאכמאכן וואס מען האט געהערט. און ער האט נאכגעמאכט וואס מען האט געהערט, מען האט געהערט פייגלעך טשוויטשקען. און דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מען האט געהערט א גאנצע וועג ווי פייגלעך זינגען צום אייבערשטן.

דער ראש ישיבה האט זיי געפרעגט וואס הערט מען אין שטאט? קיינער האט נישט געוואלט ענטפערן, האט דער ראש ישיבה נאכגעמאכט די בעי"ס פון די מוזיק וואס מען הערט אין שטאט פון די דורכפארנדיגע קארס. ווען ס'פארט דורך א גוישע קאר הערט מען ארויס די בעי"ס פון די דרא"ם פון די ראדיא, און דער ראש ישיבה האט עס נאכגעמאכט.

### בל תשחית

פאר די סעודה האט דער ראש ישיבה געפרעגט אלע געסט וועלכע פיש מען עסט, און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "נישט וויל אונז האבן נישט גענוג פיש, נאר איך וויל נישט עס זאל גיין אין מיסט". דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז אנדערע זאכן אזוי ווי פאטעיטעס, רייז, און דאס גלייכן וואס קומען פון די ערד און דאס קען צוריקגיין אין די ערד, דאס איז מען נישט מקפיד אז ס'בלייבט איבער. אבער פיש און פלייש איז מען זייער מקפיד ס'זאל נישט גיין סתם אין מיסט.

דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז ביי די חתונות לייגט מען פאר יעדעם איינעם א שטיקל פיש, אפגעזעהן צו מען דארף יא אדער נישט, אפילו איינער געבט נאר א ציפ אראפ אביסל גייט עס שוין אין מיסט, נאך מער, אפילו אויב מען עסט בכלל נישט גייט עס אין מיסט. מען דארף ווען איינפירן אין אלע זאלן אזוי ווי ס'איז איינגעפירט ביי די חתונות אין ישיבה, אז יעדער זאל זיך נעמען וואס ער גלייכט, וויפיל ער דארף.

### אויסגעטיילט חלה

מען האט זיך געוואשן און דער ראש ישיבה האט געטיילט חלה פאר אלע קינדער, דער ראש ישיבה האט געגעבן חלה אויך פאר מיינע קינדער. דער ראש ישיבה האט געפרעגט ווי אזוי די קינדער הייסן, און געשיקט פאר יעדע קינד באזינדער א שטיקל חלה.

<<<<

### קומט טאנצן

ס'איז געווען זייער אסאך אינטערעסאנטע זאכן ביי די סעודה אבער לאמיר אריבערגיין צו א צווייטע חלק פון די סעודה. אינמיטן די סעודה האט דער ראש ישיבה אנגעהויבן טאנצן און דער ראש ישיבה האט גערופן די קינדער, "קינדער קומט'ס טאנצן!" אבער קיינער איז נישט געקומען, קיינער האט זיך נישט מרחם געווען, זיי זענען אלע געבליבן שפילן. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "עטס ווילטס נישט קומען טאנצן מיט מיר?" און דער ראש ישיבה האט זיך אראפגעזעצט.

### בלאז נעבן מיר

איינער פון די קינדער האבן אנפאנג סעודה געבלאזן, האט דער ראש ישיבה געפרעגט: "מאמי וואס איז מיט אים?" האט דער ראש ישיבה'ס ווייב געענטפערט אז ער בלאזט. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: "קום דא, איך בין הייס, קום בלאזן נעבן מיך". דאס קינד האט נישט געוואלט קומען אבער דער ראש ישיבה האט אים געמאכט קומען, דער ראש ישיבה האט אים געגעבן א פלאץ נעבן זיך.

"איך ברענג אראפ וואס איז מיך געווען אינטערעסאנט, וואס איך וואלט געוואלט וויסן ווי אזוי צו פירן א שבת טיש. קען זיין מענטשן ווילן הערן מער שיחות און שמועסן, אבער איך ברענג אראפ וואס איז אינטערעסאנט פאר מיך און איך מיין אז נאך מענטשן קענען הנאה האבן פון דעם".

### א תלמיד געווארן א דיין

עס איז געווען זייער אינטערעסאנט ווי אזוי דער ראש ישיבה איז געזיצן מיט בחורים און יונגעלייט געשמועסט און פארברענגט, און יעדע מאל עס איז געווען א אינטערעסאנטע זאך האט דער ראש ישיבה פארציילט פאר זיין ווייב: "מאמי האסט געהערט ווער ס'איז געקומען אויף יום טוב?" "מאמי האסט געהערט אז א תלמיד פון אמאל ... נרו יאיר איז געווארן א דיין?" און דער ראש ישיבה האט געזאגט: "צוויי פון די ערשטע תלמידים זענען געווארן דיינים, איינער האט זיך דערהאלטן ביים רבי'ן אבער דער אנדערער האט מען ליידער אוועקגעשלעפט מיט געוואלד".

### כינוס פאר פרויען

ביי יעדע שמועס האט דער ראש ישיבה גערעדט צו זיין ווייב: "מאמי האסט געהערט אז מען גייט מאכן א גרויסע כינוס פאר פרויען?" און דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז די אלע זאכן וואס מען פרובירט צו מאכן העלפט נישט, ס'איז נאר דא איין ווירקזאמע עצה וואס מען דארף טון, מען דארף חתונה מאכן די קינדער יונג.

### וואס צו אננעמען פון די דרשות

דער ראש ישיבה האט געזאגט ס'איז דא זייער אסאך מענטשן וואס נעמען אלעס אן וואס דער ראש ישיבה זאגט, חוץ די איין זאך, חתונה מאכן די קינדער יונג. האט דער ראש ישיבה געזאגט עס וואלט דאך געדארפט זיין פונקט פארקערט! ענדערש זאל יעדער אננעמען נאר די איין זאך, חתונה מאכן די קינדער יונג. זאל מען זאגן אז אלעס וואס דער ראש ישיבה רעדט נעמען מיר נישט אן אבער די איין זאך, די זאך פון חתונה מאכן יונג דאס זאל מען יא אננעמען.

> דער ראש ישיבה האט גערעדט פון דעם אז ביי די חתונות לייגט מען פאר יעדעם איינעם א שטיקל פיש, אפגעזעהן צו מען דארף יא אדער נישט, אפילו איינער גיבט נאר א ציפ אראפ אביסל גייט עס שוין אין מיסט, נאך מער, אפילו אויב מען עסט בכלל נישט גייט עס אין מיסט. מען דארף ווען איינפירן אין אלע זאלן אזוי ווי ס'איז איינגעפירט ביי די חתונות אין ישיבה, אז יעדער זאל זיך נעמען וואס ער גלייכט, וויפיל ער דארף.

דער ראש ישיבה האט געהאלטן א פאפע"ט, און דער ראש ישיבה האט זיך גענומען זינגען "איך וויל זיין א ערליכע איד!" און די פאפעט האט געפאטשט. דער קליינער יחזקאל'ע האט זיך נישט געקענט איבערקומען ספעציעל ווען אינמיטן האט די פאפעט געגלעט יחזקאלע'ס באקן... נאכדעם האט דער ראש ישיבה געמאכט אז די פאפעט זאל רעדן אינטערעסאנט, און יחזקאל'ע האט אויפגעזוכט ווער ס'רעדט, ס'איז געווען ממש ששון ושמחה! ס'איז געווען

<<<<

זייער לעבעדיג!

אינמיטן האט דער ראש ישיבה געזען מיין קליין מיידעלע, און דער ראש ישיבה האט איר געפרעגט ווי אזוי זי הייסט און דער ראש ישיבה האט איר געוויזן "זעסט, די פאפעט זינגט איך וויל זיין א ערליכע איד!" ס'איז געווען זייער אינטערעסאנט צו זען.

### אייסעס לכבוד שבת קודש

ביי די אייסעס האט דער ראש ישיבה גערופן זיין קליינע אינגל צו טיילן די אייסעס, און אים געזאגט אז פאר ער געבט די אייסעס זאל ער פרעגן "וואס האסטו ליב?" מען האט געדארפט ענטפערן "דעם אייבערשטן האב איך ליב". און דער אינגל האט ווייטער געפרעגט: "און וואס איז מיט די אייסעס?" האט מען געענטפערט "די אייסעס עסט מען לכבוד שבת". מען האט נישט געמעגט ענטפערן 'איך האב ליב די אייסעס'. 'וועלכע קאליר אייסעס דארפסטו?' 'מיט א פאפיר אדער אן א פאפיר?' ס'איז דא מענטשן וואס עסן די אייסעס מיט א פאפיר אז די הענט זאל נישט ווערן קאלט. אזוי האט ער געפרעגט פון יעדעם איינעם, ס'איז געווען אזוי זיס צו זען ווי דער ראש ישיבה זאגט אים אונטער ביי יעדע מענטש עקסטער.

ביי די בחורים האט דער ראש ישיבה אים געהייסן פרעגן 'וועלכע קאליר דארפסטו?' 'מיט א שידוך אדער אן א שידוך?' ביי א צווייטע בחור האט דער ראש ישיבה אים געהייסן פרעגן, 'מיט א שייטל אדער אן א שייטל?' דאס אלעס האט דער ראש ישיבה אונטערגעזאגט אז ס'זאל זיין פרייליך, ס'זאל ווערן א לעבעדיגע מצב, ס'זאל נישט זיין טרוקן און טויט.

שפעטער איז ער שוין געווארן אינגאנצן צומישט, זיין קליינע שוועסטער, דער ראש ישיבה'ס טאכטער איז געקומען בעטן א אייסעס, האט ער איר געפרעגט 'וואס ווילסטו? מיט א שייטל אדער אן א שייטל?' 'מיט א שידוך אדער אן א שידוך?' ס'איז געווען זייער פרייליך און ס'איז געווען מורא'דיג לעבעדיג.

> מען האט גערעדט פון די כינוס כלל ישראל, האט איינער געפרעגט "איז נישט די כינוס כלל ישראל געווען א אויפוואכונג אז מען זאל לייגן פילטערס אויף די קאמפיוטער"ס און טעלעפאון'ס?" האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך ווייס נישט, איך ווייס נאר וואס מוהרא"ש האט געזאגט. מוהרא"ש האט געזאגט אז די איינציגסטע עצה איז חתונה מאכן די קינדער.

### אלע זאלן קומען בענטשן

ביים בענטשן האט דער ראש ישיבה גערופן אלע קינדער, קודם איז קיינער נישט געקומען, האט דער ראש ישיבה געזאגט 'מען גייט טיילן אייסעס, מען גייט טיילן אייסעס!' איינער איז געקומען צו לויפן, אבער א אנדערע קינד האט צוריקגעשריגן 'מען האט שוין געטיילט אייסעס!' איז דער ראש ישיבה געווארן זייער שטרענג, יעדער מוז קומען צום בענטשן.

דער ראש ישיבה האט גערופן יעדעם ביים נאמען עקסטער, דער ראש ישיבה האט געוואשן יעדעס קינד מים אחרונים און דער ראש ישיבה האט אנגעפאנגען 'ברוך הוא וברך שמו'. און דער ראש ישיבה דרייט זיך אויס צו איין קינד און זאגט נא, ברוך, ברוך. און אזוי ווייטער האט דער ראש ישיבה זיכער געמאכט אז יעדע קינד בענטשט, ערשט נאכדעם האט דער ראש ישיבה אנגעפאנגען צו בענטשן.

ברוך השם דאס איז געווען א חלק פון די סעודה, אבער לאמיר צונעמען אביסל פון די שיחות וואס מען האט גערעדט ביי די סעודה, לאמיך זיך דערמאנען אביסל פון די שיינע זאכן וואס דער ראש ישיבה האט פארציילט ביי די סעודה.

### כינוס כלל ישראל

מען האט גערעדט פון די כינוס כלל ישראל, האט איינער געפרעגט "איז נישט די כינוס כלל ישראל געווען א אויפוואכונג אז מען זאל לייגן פילטערס אויף די קאמפיוטער"ס און טעלעפאון'ס?" האט דער ראש ישיבה געזאגט: "איך ווייס נישט, איך ווייס נאר וואס מוהרא"ש האט געזאגט. מוהרא"ש האט געזאגט אז די איינציגסטע עצה איז חתונה מאכן די קינדער".

ש'כח אייבערשטער אז איך האב זוכה געווען צו מיטהאלטן אזא הערליכע סעודה!

דאס איז נאר א חלק פונעם סעודה, איך האף צו אפשרייבן נאך א חלק פונעם סעודה און עס אריינשיקן צו די מערכת ווי אמשנעלסטן, כדי נאך אידן זאלן דאס קענען ליינען און ארויסנעמען גוטע נקודות אויף לעובדא ולמעשה.

ברסלב

שטיצט ברסלב

# קלאסיפיידס

מיר פארשפרייטן אלע גליונות וואס קומען ארויס וועכנטליך דורך קהילת היכל הקודש אין אלע היימישע געגענטער, די זכות איז גאר גרויס.

**צו נעמען א חלק ביטע רופט יענקי פיש**
917-474-6118

---

איין רומיגע דירה
אין שטעטל צו
פארדינגען פאר
זומער שבתים

ביטע רופט
אברהם הערש וועבערמאן
845-492-0566

---

Electrolysis, Tinting,
Waxing

Please call
N. A. Appeldorfer
845-537-9681

---




---

## Catskill Messenger Service

**מיר טראגן פעקלעך טעגליך**
קעטסקילס, בלומינגבורג, קרית יואל און מאנסי.
אין צורדיק ביינאכט
מאנסי, קרית יואל, בלומינגבורג, קעטסקילס, און קרית ברסלב ליבערטי.
פרובירט צו רופן א נאכט בעפאר
**ברוך אפעלדארפער**
914-705-9524

---

א דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודות שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

---

## בשורה טובה!

ס'איז אונז געלונגען צו שאפן א פוס דאקטאר וואס וועט אראפקומען אין שטעטל, פאר קינדער און ערוואקסענע וואס קענען געניסן פון ספעציעלע orthopedic wear

אויב איר ווילט זיך איינשרייבן ביטע רופט
(845) 859-9800
צווישן 10:30 און 1:00

אנדערע צייטן ביטע לאזט א קלארע דעטאלע מעסעדזש מיט אייער נאמען און טעלעפאן נומער און מיר וועלן אייך אי"ה צוריק רופן.

ברסלב
שטיצט
ברסלב

# קלאסיפיידס

## Buy & Save - שטעטל באזאר

**"The more you buy the more you save"**

יעדן מאנטאג ווערט ארויסגעלייגט פרישע
זוממער קליידער
אדרבה קומט און איבערצייגט אייך אליין

## SPIFF CUTS

Haircuts for girls

Amazing prices on wash and sets

Call now to book your appointment

Libby Einhorn
929-214-9346

## Baby Gemach

Car seats, pack & play for newborns and toddlers, twin carriage, single stroller and more

Call Mishpachas Berenbaum
347-543-8313

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג – 347-461-2244

יעקב יאקאבאוויטש – 347-641-3618

יואל וועבערמאן – 845-662-8423

יצחק אייזיק ראטה – 347-668-6122

אברהם הערש וועבערמאן – 845-492-0566

ראובן בירנבוים – 347-549-5625

Looking for a preschool counsler in the white lake area

Please call 347-742-0482




## ארבעטס פארמיטלונג

זוכט איר ארבעט, אדער זוכט איר א ארבעטער?

רופט אונז אן און מיר וועלן אייך צושטעלן די בעסטע

ארבעט אדער ארבעטער וואס מעגליך בעזרת השם.

רופט שלמה יאקאבאוויטש
845-637-5367

# ענטפערס פון פאריגע וואך



## ווער זענען זיי?

פון רעכטס צו לינקס

### שבת התוועדות מיט די בחורים - ווינטער תשע"ט

1. שמואל פאללאק
2. משה ראזענבערג
3. שמעון פארטיגאל
4. יוסי פארערוי
5. נתי שווארץ
6. יחזקאל שארף
7. שלמה רוטה
8. שלמה שטראוי
9. דוד נייסטיין
10. אהרן פיש
11. משה איינהארן
12. שלום יוסף נייסטיין
13. שמואל סאקאלאוויטש
14. בנציון יאקאבאוויטש
15. פנחס דוד וועבערמאן
16. לייבי ראטה
17. יצחק רוטנער
18. הערל שניטצלער
19. אברהם אלטמאן
20. יעקב ראטענבערג
21. דוד ראבינאוויטש
22. דוד דייטש
23. אהרן לונגער
24. לייבי אפפעל
25. משה פארקאש
26. יוסף ווייס
27. שמעון פיש
28. אלחנן רוטה
29. נתנאל פארקאש
30. אברהם יצחק אייזנער
31. שמעון שווארץ
32. משה עקשטיין
33. יעקב איידליס
34. קלמן וועבערמאן
35. אברהם פיש
36. שרגא שטראססער

# וואו און ווער זענען זיי?



## שיקט אריין די ענטפער צום רעדאקציע

**די ענטפער וועט זיין אם ירצה השם אינעם קומענדיגן בלעטל**




# רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אִיז גֶעוֶוען דֶער עִיקָר מֶען זָאל הָאבְּן רֵיינֶע מַחֲשָׁבוֹת, טְרַאכְטְן נָאר פוּן גוּטֶע זַאכְן, נִישְׁט טְרַאכְטְן פוּן נִישְׁט גוּטֶע זַאכְן; וַוייל אוֹיבּ מֶען הָאט אַ רֵיינֶעם גֶעדַאנְק דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

אֵיינְמָאל הָאט מֶען גֶעפַארְבְּט דֶעם רֶבִּינְ'ס הוֹיז, עֶס אִיז גֶעוֶוען אִין דִי טֶעג פַאר דֶעם יוֹם טוֹב פֶּסַח, מֶען הָאט אִיבֶּערְגֶעפַארְבְּט דִי שְׁטוּבּ פוּן רֶבִּי'ן, אוּן רֶבִּי נָתָן דֶער גֶעטְרֵייעֶר תַּלְמִיד הָאט גֶעהָאלְפְן מִיט אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעדַארְפְט. אוֹיפְ'ן וַואנְט אִיז גֶעוֶוען אַ שֵׁיינֶעם גְרוֹיסְן זֵייגֶער, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזוּכְט עֶפֶּעס מִיט וָואס מֶען קֶען אִיבֶּערְדֶעקְן דִי זֵייגֶער עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן שְׁמוּצִיג, עֶר הָאט אַרוֹיפְגֶעלֵייגְט אַ טִיכְל אוֹיפְ'ן זֵייגֶער.

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזֶעזְן מִיט וָואס עֶר דֶעקְט צוּ דִי זֵייגֶער, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "מִיט אַ פְּרוֹיעֶן טִיכְל דֶעקְסְטוּ אִיבֶּער דֶעם זֵייגֶער? דוּ וֵוייסְט נִישְׁט אַז עֶס אִיז דָא אַזֶעלְכֶע מֶענְטְשְׁן וָואס וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ טִיכְל הֵייבְּן זֵיי שׁוֹין אָן טְרַאכְטְן נִישְׁט גוּטֶע מַחֲשָׁבוֹת, נִישְׁט מִיט דֶעם זָאלְסְטוּ דָאס צוּדֶעקְן".


נִישְׁט מִיט אַ טִיכְל זָאלְסְטוּ דָאס צוּדֶעקְן

טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אַרוֹיס פוּן דִי מַעֲשֶׂה וִוי שְׁטַארְק מֶען זָאל זִיךְ אַכְטוּנְג גֶעבְּן וָואס מֶען קוּקְט אוּן אַכְטוּנְג גֶעבְּן פוּן וָואס מֶען טְרַאכְט, אַזוֹי וֶועלְן מִיר זַיין גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים; וַוייל נָאר אַז מֶען הִיט זִיךְ דִי אוֹיגְן אוּן דִי מַחֲשָׁבָה קֶען מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק.

# טרעף

## די פאלגנדע ווערטער

איך בעט דיר אייבערשטער, אז
דו זאלסט רחמנות האבן אויף מיין
נשמה און מיך צוריקקערן צו דיר.

| | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | ר | ח | מ | כ | נ | כ | נ | ר | כ | נ | ר | ב | ע | ק | ש | ש | ח | ס | ו | מ | פ | ל | ת |
| ש | ח | ח | י | א | כ | ש | כ | י | י | ל | י | ש | כ | ז | צ | ד | מ | נ | ע | ע | צ | ל | נ |
| ה | ל | ה | ג | ח | י | ח | מ | ד | ק | ש | מ | צ | י | ג | מ | ת | ו | צ | צ | ז | ה | כ | ר |
| ד | ד | נ | ב | א | ה | כ | ת | ה | ק | ג | נ | מ | ו | פ | א | ו | ע | ו | ב | א | ל | ו | צ |
| ז | ו | ג | ט | ו | י | ד | ר | ז | ו | ב | ל | ת | צ | ר | כ | מ | ה | א | ש | ל | ב | ד | ב |
| א | ת | ע | ק | מ | ר | י | ח | ד | א | ס | ק | ל | ר | מ | י | ד | ת | ג | ר | ס | ת | כ | נ |
| ו | ק | ב | ס | ז | ד | ח | ב | ח | ח | ו | ב | פ | ג | נ | ג | ק | נ | צ | ט | ט | א | ב | ג |
| נ | ת | צ | מ | ו | ש | ז | ע | ע | כ | ת | י | ו | ל | ה | ס | י | ק | ו | ר | מ | כ | א | ר |
| ש | נ | א | א | ט | ל | ח | ל | נ | ר | ל | ט | פ | י | ד | ז | פ | ח | ע | ג | י | ק | ח | ל |
| ש | צ | ג | נ | ק | א | ר | ו | ע | ג | ש | ח | צ | ב | פ | ח | א | ע | צ | ר | י | מ | ל | מ |
| א | ז | ח | ש | ו | פ | א | ו | ר | פ | נ | ט | ז | ב | ר | ב | כ | ה | ה | כ | נ | ש | כ | ח |
| ט | י | ל | פ | ב | ז | ג | ס | נ | נ | ל | ח | ע | ע | ז | ד | ע | ט | ע | ו | ב | ק | ו | ק |
| ק | ר | ג | ט | י | ז | ס | ז | ח | ג | ר | ל | ד | ר | מ | צ | ג | ט | ת | ל | ב | ב | ש | ה |

העלף נחמן נתן
אנקומען אין
קעמפ







# סודאקא

| | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|
| | 2 | | | | |
| | | 4 | | 1 | |
| | | | 6 | | |
| 2 | 5 | | | | |
| 5 | | | | 2 | |
| | 3 | | | | |

| | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| 8 | | | 6 | 7 | 1 | | | 4 |
| | 2 | 1 | | 4 | | 7 | 3 | |
| 4 | 9 | | 5 | 2 | 3 | | 6 | 1 |
| | 3 | | | | | | 8 | |
| 2 | | 9 | | | | 1 | | 7 |
| | 1 | 6 | 2 | | 8 | 3 | 4 | |
| 1 | | | | | | | | 3 |
| | 4 | 5 | | 9 | | 2 | 7 | |
| | 7 | | | | | | 1 | |



# א שיעור מיטן רבי'ן

## אמת

**כח.** עַל יְדֵי הַשֶּׁקֶר שׁוֹכְחִין אֶת הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא.

**טייטש.** דוּרְכְ'ן זָאגְן לִיגְנְט, פַאַרְגֶעסְט מֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.



# חידות

אפטיילונג

**דער הייליגער רבי זאגט: עיקר פון תשובה איז**

א. אנטוהן יעדן טאג תפילין

ב. גיין אין מקוה

ג. ליינען קריאת שמע

ד. הערן וויאזוי מען פארשעמט דיר און שווייגן

שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך:

שאלה: דער הייליגע רבי האט געזאגט: צווישן די גראז איז זייער גוט צו

ענטפער: רעדן צום אייבערשטן

דער געוואונער פון פאריגע וואך איז

**אדי שטיינבערג תחי' - קרית ברסלב**

שיקט אריין די ענטפערס **מיט אייער נאמען** צו 845-379-1161

# האסטו דורך געלערנט עצתו אמונה פרשת בהעלותך?

## פון אויבן אראפ.

2.עס איז נישטא קיין גרעסערע מצוה ווי _____ זיין אידישע קינדער צום אייבערשטן

3.א _____ האט נאר מיטן אייבערשטן

4.ווער עס איז פריילִיך האט _____

7.מיר זענען זייער מקפיד מען זאל נישט _____ ביים דאווענען

8.אז מען היט די אויגן, קומט _____

9.שטארק זיך זיי ווייטער שטארק מיט די שיינע _____ וואס דו האסט געלערנט אין ישיבה

10.מיט א ווייב קריגט מען זיך נישט, מיט א ווייב _____ מען נישט

11.שטארק זיך מיט תפלה והתבודדות, גיי אביסל _____ אין פעלד

12.קינדער וואס זיי דארפן אסאך כבוד, דארף מען זיי אלץ _____ און אויסרומען

14.דער אייבערשטער איז נישט _____ אויף אייך

16.מיט די _____ שיעורים קען מען מקיים זיין חומש און מעשר

17.מען לעבט מיט אמונה, דאס נעמט אוועק _____

## פון רעכטס צו לינקס.

1.נעם אריין אין דיר _____, וועסטו ארויסגיין פון אלע דיינע צרות

5.געב אכטונג וואו דו וואוינסט, געב אכטונג אויף דיינע _____

6.די עצה צו אמונה, איז לערנען דעם רבינ׳ס _____

8.ווארף אוועק דיין _____, גיי נאך די שכל פון די הייליגע תורה

11.לערן זיך צו מוותר זיין, לערן זיך צו _____

13.מיט _____ קען מען זיך אויסארבעטן און זיך אויסאיידלען

15.לייגט אריין אייערע כחות נאר פאר איין זאך "_____ _____"

18._____ וועט דיר אויסלייזן פון דיין גלות






# בילדער
## אפטיילונג


דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל חדר כיתה א׳
ב׳ בהעלותך


דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל חדר ביי די
קלענסטע קלאס - ב׳ בהעלותך


דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל חדר כיתה ד׳
ב׳ בהעלותך


דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל חדר כיתה ט׳
ב׳ בהעלותך


דער ראש ישיבה באזוכט אין שטעטל חדר כיתה ב׳
ב׳ בהעלותך


ביים פארהערן די קינדער





א מחיי ציצית!
תלמוד תורה היכל הקודש ירושלים



דער ראש ישיבה באזוכט אין די אפיסעס פון "קרית ברסלב סוויטס" - ב' בהעלותך



ברית פון בן ר' מעכל ראזענפעלד הי"ו - ד' בהעלותך



ביי די סעודת ברית



דער מוזיקאנט ר' אברהם לייב בורנשטיין הי"ו פון ארץ ישראל ביים מהנה זיין נאך די סעודת ברית





תלמוד תורה היכל הקודש קרית יואל געפארן אויף א טריפ